# חיי שרה ב

א. אין פסוק ויתן לי את מערת המכפלה וגו' [1] שטעלט זיך רש"י אויף „המכפלה" און איז מפרש: „בית ועלי' על גביו" [2]. בהשקפה ראשונה איז דער פשט פון זיין פירוש, אַז די מערה ווערט אָנגערופן „מכפלה" מחמת דעם וואָס זי איז אַ טאָפּעלטע: זי באַשטייט פון צוויי מערות, איינע אויף דער צווייטער.

לויט דעם איז אָבער ניט מובן:

א) דער תואר „מערת המכפלה" באַצייכנט נאָר אַז דאָס איז אַ צווייענדיקע מערה; ס'איז אָבער פונעם תואר ניטאָ קיין הוכחה אַז אַט־די צוויי מערות זיינען איינע אויף דער צווייטער. מ'קען דאָך פונקט אַזוי איינטייטשן אַז זיי זיינען „זה לפנים מזה" [3]. פון וואַנען נעמט רש"י צו זאָגן, אַז „המכפלה" מיינט „בית ועלי' על גביו"?

ב) דער לשון „מכפלה" פּאַסט צו זאָגן אויף איין זאַך וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ טאָפּלדיקייט, אָבער ניט אויף צוויי באַזונדערע זאַכן וואָס האָבן ניט קיין געמיינזאַמקייט. לויט דעם איז דאָך לכאורה מער סברא צו זאָגן, אַז די צוויי מערות זיינען „זה לפנים מזה", ווייל דוקא אויף דעם אופן איז פאַראַן אַן איינהייטלעכע שייכות צווישן בידע מערות [ווייבאַלד איינע איז אָפּהענגיק פון דער צווייטער — מען קען ניט אַריינגיין אין דער מערה הפנימית סיידן דורך דער מערה החיצונית], און דערפאַר איז מובן וואָס די צוויי מערות ווערן אָנגערופן מיט דעם פאַראייניקטן נאָמען „מערת המכפלה" — איין טאָפּלטע מערה. משא"כ לויטן פירוש אַז די צוויי מערות זיינען איינע אויף דער צווייטער, האָבן זיי צווישן זיך ניט קיין שייכות וואָס זאָל זיי מאַכן ווי איין איינהייט (וואָרום ווייבאַלד אַז אַ מערה איז אין דער ערד, דאַרף דאָך במילא די אויבערשטע מערה ניט אָנקומען צו דער אונטערשטע און זי קען זיך האַלטן אויך ווען ס'איז ניטאָ אַ מערה אונטער איר — ואדרבה, זי איז דאַמאָלס שטאַרקער, ניט האָבנדיק אַ חלל אונטער זיך) [4]. טאָ ווי אַזוי לערנט רש"י אַז מיט „מכפלה" ווערט געמיינט — „בית ועלי' על גביו"?

ג) „בית" און „מערה" זיינען ניט בלויז צוויי פאַרשיידענע באַגריפן, נאָר אויך — קעגנזייטיקע: בית מיינט אַ הויז וואָס

---

1) פרשתנו כג, ט.

2) כבמס' עירובין (נג, א).

3) כפירוש — ואדרבה הראשון — שבעירובין שם. וכפירוש הראב"ע כאן. וכ"ה בזח"א קכט, א.

ואף שבגמרא שם מקשה על פי' זה „אלא למ"ד שני בתים זה לפנים מזה מאי מכפלה" — כי עפ"י דרך לימוד הגמרא, כפולה הוא דוקא „בשתי תקרות" (רש"י שם ד"ה בית). אבל בדרך הפשט, אין כל רמז בתיבת המכפלה שהכפלה הוא בתקרות דוקא*. ולהעיר שברד"ק כאן כותב „וי"א מערה לפנים מערה" — אף שבגמרא שם שולל דיעה זו בפירוש תיבת מכפלה, ופשטות לשונו „וי"א" משמע שכוונתו לפי' חז"ל.

*) בש"ח כאן מבאר דמכיון דכתיב מערת (המכפלה) בתי"ו הסמיכות — פירושו מערה של ענין (בנין, או זוגות) שהוא כפול. ועפי"ז מושלל הפי' מערה לפנים ממערה (דאז הול"ל מערה כפולה) — אבל עפ"י זה הוי לי' לרש"י לכתוב פירושו על „מערת המכפלה".

4) ויש לומר, שמטעם זה מפרש הראב"ע (שהוא מפשטני המקרא) כאן, רק כפירוש זה.

איז געבויט אויף דער ערד און מערה איז אַ הייל אין דער ערד. האָט דאָך רש״י, אויסטייטשנדיק די טאָפּלדיקייט פון די מערות, געדאַרפט זאָגן „מערה ועלי׳ על גבי׳״ און ניט „בית ועלי׳ על גביו״ [5]?

ב. ווייטער איז רש״י ממשיך אין זיין פירוש אויף „המכפלה״: „דבר אחר שכפולה בזוגות״ [2] — אַז ס׳איז דאָ נאָך אַ פשט אויף דעם וואָס די מערה ווערט אָנגערופן „מכפלה״, ווייל זי איז געווען געטאָפּלט מיט עטליכע זוגות, ווי רש״י זאָגט פריער — אויף „בקרית ארבע״ [6] — אַז דאָרט זיינען נקבר געוואָרן פיר זוגות: אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה.

איז אויך אין דעם ניט מובן: די ווערטער „מערת המכפלה״ פון אונזער פסוק זיינען דאָך [ניט אַ נאָמען מיט וועלכן דער פסוק רופט אָן די מערה, אַזוי ווי ביי „ותמת שרה בקרית ארבע״ וואו דער פסוק באַצייכנט די שטאָט מיטן נאָמען „קרית ארבע״, און בפסוק קען זיין אויך על שם העתיד [7], נאָר ס׳איז] דער לשון וואָס אברהם האָט גענוצט אין זיינע רייד צו די בני חת; זיי זאָלן בעטן ביי עפרון׳ען אַז ער זאָל אים געבן די מערת המכפלה — און זיי, די בני חת און עפרון, האָבן דאָך זיכער ניט געוואוסט אַז אין דער מערה וועלן שפּעטער ליגן פיר זוגות

[ומסתבר [8] אַז זיי האָבן אפילו ניט געוואוסט אַז אדם וחוה ליגן אין איר — ווייל ווען עפרון וואָלט דערפון געוואוסט, וואָלט ער ניט מסכים געווען צו פאַרקויפן די שדה פאַר בלויז פיר הונדערט שקלים — די ווערט פון די פעלד גופא [9], וואָרום ער וואָלט דאַן זיכער זיך געקענט פאַרשטעלן ווי געוואַלדיק טייער די מערה איז ביי אברהם׳ען, און דאָס אויסנוצן אויף צו אויפהויבן איר פּרייז פיל העכער; און אַוודאי וואָלט ער ניט אָנגעבאָטן פריער אַוועקצושענקען די מערה אינגאַנצן אומזיסט.

ובפרט אַז באַ אַלע פעלקער האָט אדם הראשון געהאַט אַ חשיבות, ווי מיר געפינען אַז ער האָט מורא געהאַט אַז „לאחר מותי יקחו אותי ואת עצמותי ויעשו להם דמות ע״ג״ [10]]

טאָ וואָס פאַר אַ סימן האָט עס אברהם געגעבן צו די בני חת און עפרון׳ען זאָגנדיק אַז מען זאָל אים געבן אָט־די מערה וועלכע איז „כפולה בזוגות״?

זיינען מפרשים [11] מבאר אַז דאָס וואָס די מערה האָט געהייסן דאַן מיטן נאָמען „המכפלה — שכפולה בזוגות״ איז עס מצד דעם ווייל אין איר איז געווען אָרט פאַר פיר זוגות.

איז עס אָבער נאָך אַלץ ניט מובן:

דער גודל השטח פון דער מערה ווערט דאָך באַצייכנט דורך דעם אַלגעמיינעם מספר פון מענטשן וועלכע קענען ליגן אין איר, האָט מען דאָך לפי״ז געדאַרפט אָנרופן די מערה מיט אַזאַ נאָמען וואָס זאָל באַדייטן אַז זי קען אַריינעמען אין זיך אַכט מענטשן. פאַרוואָס האָט מען זי גערופן „המכפלה״, וואָס דאָס באַצייכנט נאָר געטאָפּלטקייט. ואפילו אַז מ׳זאָל זאָגן

---

5) ואף שכ״ה לשון הגמרא שם — הרי דרכו של רש״י, גם כשמעתיק מדרשי חז״ל, לשנות את הלשון באופן שיהי׳ הפירוש מובן גם לבן חמש למקרא. (ולהעיר מ(ראב״ע ו)רד״ק כאן שמשנה מ„בית״ ל„מערה״).

6) פרשתנו כג, ב. (מעירובין שם).

7) ראה רש״י בראשית ב, יד: וכתב המקרא ע״ש העתיד. ולפני זה בפרש״י (ב, ג).

8) וכמפורש בזח״א (קכז, ב), אבל גם בדרך הפשט פשוט הוא וכבפנים.

9) ראה רמב״ן כאן, עפרון בדמי השדה מכר לו הכל על דעתו שאין שם קבר.

10) פדר״א ספ״כ. ולהעיר ג״כ מע״ז (ח, א): אדה״ר.. עשאן כו׳ והם קבעום כו׳.

11) ראה גו״א כאן.

אַז די דאָפּעלקייט דאַרף זיין אין אַן ענין כפול (פון דעם מ פון וואָרט „מכפלה" [12]) — זוגות — איז דאָס פיר מענטשן ניט אַכט. ועוד — וואָס איז נוגע בעניננו אַז זיי זיינען זוגות [13]? בנוגע די כמות פון שטח איז דאָך ניט וויכטיק צי די אַכט מענטשן זיינען פיר זוגות אָדער אַכט באַזונדערע יחידים.

ג. אויסער די קושיות אַף אַן אָרט דאָ בנוגע יעדן פון רש"י'ס צוויי פירושים (און נוסף צו דער שוועריקייט: פאַרוואָס דאַרף רש"י בכלל אָנקומען צו צוויי פירושים), איז פאַראַן אַ קשיא מלהלן [14]:

מיט עטלעכע פסוקים ווייטער זאָגט דער פסוק: „שדה עפרון אשר במכפלה" [15] — איז דאָך דערפון קלאָר, אַז דער גאַנצער שטח וואו די שדה האָט זיך געפונען האָט געהייסן „מכפלה" [16]; דאַרף דאָך לכאורה אויסקומען, אַז דער פי' פון „מערת המכפלה" וואָס אין אונזער פסוק איז אויך אויפן זעלבן אופן — די מערה וואָס געפינט זיך אין „מכפלה" [16]. מאיזה טעם זאָל דאָ רש"י טייטשן, אַז די מערה גופא איז געווען אַ כפולה?

און כאָטש אַז פון דעם פסוק „שדה עפרון אשר במכפלה" איז נאָך ניטאָ קיין סתירה צו פירש"י — ווייל מען קען לערנען אַז דאָס גופא וואָס דער גאַנצער שטח אַרום דער מערה ווערט גערופן „מכפלה", איז עס טאַקע על שם דער מערה כפולה וואָס געפינט זיך דאָרט — איז אָבער דערביי ניט מובן:

א) ווי דער רמב"ן פרעגט, אַז (עפ"י דרך הפשט) „אין צורך לבקש טעם לשם המקומות". וואָס אַזוי איז אויך רש"י'ס דרך, ווי ס'איז מוכרח פון רש"י'ס ניט מפרש זיין [17]: מען זעט בכמה וכמה מקומות, אַז רש"י טייטשט ניט אויס דעם טעם הלמאי אַן אָרט אָדער אַ מענטש וכיו"ב ווערט גערופן מיט אַ באַשטימטן נאָמען, אע"פ וואָס אויך ע"ד הפשט קען מען זאָגן אַ טעם [18].

נאָכמער: אפילו אויך דאַמאָלס ווען רש"י אַליין זאָגט אַ טעם אויפן נאָמען — זאָגט ער אים אויף דעם פסוק וואו ס'איז נוגע צום פשט הכתוב און ניט באַ די פריערדיקע פסוקים וואו דער נאָמען ווערט דערמאָנט, ווי מיר געפינען עס באַם נאָמען „אברם" [19].

ב) פון דעם לשון „מערת שדה המכפלה" [20] (און אַזוי אויך „במערה אשר בשדה המכפלה" [21]) איז לכאורה קענטיק, אַז דאָס וואָס דער שטח האָט געהייסן „מכפלה" איז עס ניט מצד די מערה וואָס אין אים, נאָר מחמת אַן אַנדער טעם: וואָרום אויב די מערה כפולה וואָלט געווען די גאַנצע סיבה צום אָנרופן אויך די פעלד „שדה המכפלה" — וואָלט דאַן ניט געפּאַסט צו זאָגן דעם לשון „מערת שדה המכפלה", וואו דער תואר „מכפלה" באַלאַנגט איבערהויפּט גאַר צום „שדה" (ועאכו"כ וואָלט ניט

---

12) ראה רש"י וירא (כב, ו) פי' הראשון.

13) וראה בחדא"ג (עירובין שם) שו' קברים הם „לז' המוטלין על האדם לקוברו שהכהן מטמא להן", הרי ד' מהם אינם זוגות.

14) ראה זח"א (קכח, ב) ובהגהות משל"ה שם.

15) כג, יז.

16) רשב"ם, רמב"ן, רד"ק וספורנו כאן.

17) שכו"כ ענינים — ובפרט כללים בפרש"י — יש ללמוד מ„שתיקת" רש"י בפירושו (ממה שאינו מפרש כתוב או תיבה), כי פשיטא שאין דרכו בפירושו עה"ת לסמוך על מפרשים אחרים — ובמקום שסומך, הרי כותב זה בפירוש וכמו „כתרגומו פירושו" (בראשית ד, ז).

18) וכמו „עדן" (בראשית ב, ח). ועוד — ולהעיר ג"כ מ„יפת אלקים ליפת" (נח ט, כז).

19) פרש"י לך יז, ה.

20) פרשתנו כג, יט. ויחי נ, יג.

21) ויחי מט, ל.

מתאים געווען דער לשון: „במערה אשר בשדה המכפלה").

ד. איז דער ביאור אין דעם:

פון דעם לשון הפסוק „מערת המכפלה אשר לו אשר בקצה שדהו" — וואו דער פסוק שטעלט דעם ווארט „המכפלה" גלייך נאכן ווארט מערת, נאך איידער ער דערמאנט ווייטער די שדה — איז משמע אז „המכפלה" באציט זיך אויסדריקלעך צו דער מערה. דעריבער וויל רש"י ניט לערנען אז דער תואר „המכפלה" פון אונזער פסוק איז עס דער נאמען פון דעם שטח אזוי ווי באם ווארט „המכפלה" פון די ווייטערדיקע פסוקים.

היות אבער אז פון די ווייטערדיקע פסוקים איז פארט מוכח, אז אויך דער גאנצער שטח ארום האט געהייסן „מכפלה" און אז אט־דער נאמען פונעם שטח איז ניט געקומען דירעקט מצד דער מערה (כנ"ל סעיף ג), לערנט דעריבער רש"י „בית ועלי' על גביו" — דאס מיינט אז בסמיכות, לעבן דער מערה איז געווען א בית כפול, א צוויי שטאקיקע הויז[22].

און לויט דעם פירוש ווערן פארשטאנדיק אלע שינויי הלשונות פון די פסוקים: ס'איז רעכט דער לשון „מערת שדה המכפלה" וואס לאזט אונז הערן אז דער נאמען „מכפלה" פון דער שדה איז ניט געווען צוליב דער מערה — ווייל די מערה איז טאקע ניט געווען קיין כפולה, און געטראגן אויף זיך דעם נאמען „מכפלה" האט גאר די שדה צוליב דעם בית כפול וואס איז דארט געשטאנען; און ס'שטימט אויך דער לשון „מערת המכפלה אשר בקצה שדהו" פון וועלכן ס'איז מוכח אז „המכפלה" איז זיך מתייחס צו דער מערה — ווייל אט־דער בית כפול האט זיך געפונען בסמיכות צו דער מערה, און צוליב דעם האט די מערה באקומען אט־דעם נאמען בעיקר.

ה. נאך א הסבר אויף דעם וואס רש"י לערנט אז לעבן דער מערה איז געווען א בית כפול און ניט אז די מערה גופא איז געווען א כפולה:

ווען מ'זאל לערנען אז די מערה גופא איז געווען א כפולה, ד.ה. אז אין איר זיינען געווען צוויי מערות, מוז מען דאן זאגן אז די צוויי מערות זיינען געווען זה לפנים מזה — ניט אין אן אופן פון איינע אויף דער צווייטער, כנ"ל סעיף א'.

אבער אויך דעם אופן פון „זה לפנים מזה" איז שווער איינצולערנען אין פסוק: אין פסוק שטייט דאך אז די מערה האט זיך געפונען „בקצה שדהו", ביים ברעג פון פעלד, און אויב די צוויי מערות זיינען געווען זה לפנים מזה — איינע נאך דער אנדערער — קענען זיי דאך ניט זיין ביידע ביים ברעג פעלד, נאר איינע ביים ברעג און די צווייטע טיפער אין פעלד.

ואפילו אם תמצי לומר (א) אז די צוויי מערות זיינען ביידע געשטאנען ביים זייט פון שדה, און דער פירוש פון „בקצה" איז (ניט ביים ברעג, ווינקל,

---

22) אבל לא בית לפנים מבית, כי

א) מכיון ש„המכפלה" מורה לענין אחד (כנ"ל סעיף א') מסתבר יותר שהשייכות של ב' הבתים הוא בעצם מציאותם, שקיום העלי' הוא ע"י הבית (משא"כ השייכות שבזה לפנים מזה הוא רק בענין הכניסה). ובזה יומתק מה שרש"י מוסיף (אחרי שמפרש בית ועלי') „על גביו" — דלכאורה מיותר — בכדי להדגיש שכל קיום העלי' הוא על גבי הבית דוקא.

ב) ברובם ככולם של הבתים ישנם כמה חדרים — (וראה מקץ מג, כד־ל) — ואין כ"כ חידוש בבית לפנים מבית לקרות „מכפלה" בגלל הבית. משא"כ בית ועלי'.

ג) בדירה לפנים מדירה אין חידוש כ"כ (וסימן), כי אפשרי גם באהל (שכו"כ דרו אז באוהלים), משא"כ זה ע"ג זה.

נאָר) ביים זייט; אָדער (ב) אַז אויך די מערה וועלכע איז געווען טיפער אין פעלד קען אָנגערופן ווערן „בקצה שדהו" מצד דעם וואָס זי איז בסמיכות צום ברעג פעלד —

וויבאַלד אָבער אַז אברהם מיט זיין זאָגן „אשר בקצה שדהו" איז געווען אויסן, כמובן, צו מקטין זיין דעם ווערט פון דער מערה[23], איז שווער צו זאָגן אַז באותה שעה זאָל ער זי אָנרופן „המכפלה" און מיינען דערמיט צוויי מע־רות זה לפנים מזה, וואָס אונטער־שטרייכט איר גודל השטח.

און דעריבער לערנט רש"י „בית ועלי' על גביו", אַז דאָס וואָס די מערה האָט געהייסן „מערת המכפלה", איז עס מצד דעם וואָס זי האָט זיך געפונען לעבן אַ בית כפול, כנ"ל.

ו. מיט דעם פירוש באַנוגנט זיך אָבער רש"י ניט און ברענגט נאָך אַ פירוש, ווייל לויטן פירוש פון „בית ועלי' על גביו" איז ניט מובן: צוליב וואָס האָט אברהם געדאַרפט געבן צוויי סימנים אויף דער מערה: אַז זי געפינט זיך לעבן דעם בית כפול און אויך אַז זי איז בקצה שדהו? דערפאַר דאַרף רש"י אָנקומען צום צווייטן פירוש „כפו־לה בזוגות", וואָס דאָס מיינט אַז די מערה איז געווען כפולה [ניט מיט אַ באַשטימטן מספר פון זוגות קברים (ווייל דאָס איז ניט מוכח פון וואָרט „המכפ־לה" — ראה לעיל סוס"ב), נאָר] דער־מיט גופא וואָס אירע קברים זיינען — יעדער פון זיי — „זוגות", געטאָפּלטע, צווייענדיקע קברים פאַר אַ מענטשן מיט זיין בן־זוג — איש ואשתו[24].

און עפ"ז איז מובן וואָס אברהם האָט געדאַרפט צוגעבן דעם וואָרט „המכפ־לה" — ווייל דורך דער הוספה האָט ער אויפגעקלערט דעם טעם פאַרוואָס ער וויל דוקא די מערה: די בני חת האָבן דאָך אים געזאָגט „במבחר קברינו קבור את מתך גו'", איז וואָס פאַרלאַנגט ער פון זיי אַז זיי זאָלן פאַר אים בעטן דוקא עפרון'ס מערה? דערפאַר האָט ער מוסיף געווען „המכפלה", וואָס דער־מיט האָט ער געמאַכט קלאָר דעם טעם פאַרוואָס ער וויל ניט אָננעמען דעם אָנבאָט פון די בני חת „במבחר קברינו קבור את מתך" (נעמען פון זיי איין אָרט צו מקבר זיין שרה'ן)[25], נאָר ער וויל מקבר זיין שרה'ן אין עפרון'ס מערה — ווייל אין איר איז יעדער קבר אַ דאָפּלטער אָרט, אויך פאַר איר בן־זוג (אברהם).

דאָס איז אָבער ניט מספיק (און דער־פאַר שטייט אויך ניט מערת הכפל וכיו"ב), ווייל די בני חת האָבן גע־קענט לייכט אָפּפרעגן דאָס דורך פאַר־לייגן אַז זיי וועלן אים געבן אַן אָרט אַ כפול — פאַר צוויי קברים. האָט אב־רהם געזאָגט מכפלה — שכפולה בזוגות — אַז ער וויל ניט אַז דער קבר לזוג זאָל זיין צווישן פרעמדע, נאָר אין אַן אָרט וואָס כפול בזוגות, עס זאָל זיין בית קברות למשפחתו[26].

לויט דעם פירוש אָבער איז אַ סתירה בסגנון המשך דברי אברהם: ער הייבט אָן, ובנוסח דבקשה: וישתחו לעם הא־רץ גו' וידבר גו' אם יש את נפשכם גו' (און וואָס בעט ער) לקבור את מתי (ל' יחיד) מלפני (אַ צער גדול, בעט ער וואָס פריער מבטל זיין עם, און

23) ראה רמב"ן וספורנו כאן.

24) ראה רש"י ד"ה שכפולה (עירובין שם).

25) ראה רד"ק כג, ו.

26) ובא בהמשך לפרש"י לעיל (כג, ד) לבית הקברות.

דערפאַר) ויתן לי גו׳ המכפלה (ניט ווייניקער ווי אַכט קברים!).

ועוד ועיקר: פי׳ הפשוט פון מכפלה (דער מ״ם מיט אַ פתח) — איז מלשון מכפיל (מאַביל וכו׳) — מאַכט [27] דאָפּעלדיק (מאַכט עסן וכו׳), קיין שייכות ניט לכאורה מיט „כפולה בזוגות״.

דערפאַר איז דער פי׳ הראשון, העיקרי: בית ועלי׳ על גביו — דער בית האַלט אויף די עלי׳ וכנ״ל.

און די דערמאַנטע שוועריקייט פון פירוש „בית ועלי׳ על גביו״ איז ניט אַזוי שטאַרק — וואָרום מען געפינט אין נאָך ערטער אַז מען גיט אויף אַ זאַך צוויי סימנים.

ז. אין פירוש רש״י איז דאָך פאַראַן אויך „יינה של תורה״ [28].

עס שטייט אין זהר [29] אַז „המכפלה״ — ה׳ מכפלה — מיינט די צוויי ההי״ן וואָס אין שם הוי׳. און דערמיט איז דער צמח צדק מבאר [30] דעם פירוש פון „בית ועלי׳ על גביו״ אַז „בית״ איז בחי׳ ה׳ תתאה, און עלי׳ — בחי׳ ה׳ עילאה.

וואָס איז די שייכות פון די צוויי ההי״ן פון שם הוי׳, וועלכע זיינען מרומז אין וואָרט „המכפלה״, צום ענין פון מערת המכפלה כפשוטה? איז איינער פון די ביאורים אין דעם:

דער תכלית פון ירידת הנשמה למטה איז, אַז דורך איר עבודה דאָ למטה זאָל זי צוקומען צו תשובה: די נשמה ווי זי איז למעלה, אידער זי קומט אַראָפּ למטה, איז זי בבחינת צדיק, און דורך איר עבודה למטה, ווערט זי בבחינת בעל תשובה [31].

וויבאַלד אַז עבודת הנשמה למטה איז בכדי זי זאָל צוקומען צו תשובה, איז מובן אַז כל זמן די נשמה האָט נאָך ניט פאַרענדיקט איר עבודה בעלמא דין, איז זי נאָך ניט צוגעקומען צו שלימות התשובה. דוקא אין דעם זמן פון „ותמת שרה בקרית ארבע גו׳״ [32], ווען די נשמה שיידט זיך פון גוף און זי פאַרענדיקט איר עבודה „בארץ כנען״ (מלשון [33] מסחר), אין עוה״ז דאָס לאַנד פון מסחר, וואו די נשמה „האַנדלט״ איין די העכסטע עליות [34], ערשט דאַן קומט זי צו שלימות התשובה [35].

און דאָס איז די שייכות פון „מערת המכפלה״ כפשוטה, אין וועלכער די אבות ואמהות זיינען געקומען לאחרי גמר עבודתם, בשעת די זיינען צוגעקומען צו שלימות התשובה [36], צו די צוויי ההי״ן [ה׳ תתאה און ה׳ עילאה] וואָס זיינען מרומז אין מערת המכפלה — ווייל כלות ענין התשובה באַשטייט פון צוויי

---

27) ראה פרש״י וירא (כב, ו) הנ״ל — פי׳ השני.

28) היום יום ע׳ כד.

29) פרשתנו קכט, א.

30) אוה״ת פרשתנו קיח, א. וראה גם שם קיד, ב.

31) לקו״ת בלק עג, א. (ושם שזהו „התירוץ האמיתי״ למה ירדה הנשמה למטה).

32) ראה מהנ״ע פרשתנו קכב, ב: ותמת שרה זה הגוף בקרית ארבע אלו הארבע יסודות כו׳.

33) תנחומא מסעי ט. ת״ב שם ז. במדב״ר פכ״ג יו״ד.

34) ראה תו״א ר״פ וישב. סה״מ אידיש ע׳ 91 עה״פ ותמת שרה גו׳ בארץ כנען.

35) ראה לקו״ת שמע״צ (צב, ב) שמשה רבינו ע״ה זכה לבחי׳ תשובה קודם מותו דוקא.

36) וגם ה„תקומה״ שהיתה בהשדה כשנכנסה לרשותו של אברהם (רש״י פרשתנו כג, יז), הרי ע״י שהיתה תחלה ביד עפרון, נעשה בה יתרון יותר (אוה״ת פרשתנו קטו, ב) — דוגמת העלי׳ שבנשמה לאחרי גמר העבודה בעוה״ז דוקא.

בחינות: תשובה תתאה — תשוב ה׳ תתאה, און תשובה עילאה — תשוב ה׳ עילאה [37].

ח. אעפ״י אַז בכללות זיינען פאַראַן נאָר צוויי בחי׳ תשובה: תשובה תתאה און תשובה עילאה — שטייט אָבער אין לקו״ת [38] אַז בפרטיות זיינען פאַראַן פיר בחינות אין תשובה. ווייל אין יעדער איינער פון די צוויי בחינות, תשובה תתאה און תשובה עילאה, איז פאַראַן צוויי אָרפנים: העלאה און המשכה [39]. אין תשובה תתאה איז פאַראַן ווי דער ה״א תתאה איז עולה צום וא״ו, און ווי דער וא״ו ווערט נמשך צום ה״א; און אַזוי אויך אין תשובה עילאה זיינען דאָ צוויי אָרפנים: ווי דער ה״א עילאה איז עולה צום יו״ד, און ווי דער יו״ד ווערט נמשך צום ה״א.

און דאָס איז דער ביאור בפנימיות הענינים — פון רש״י׳ס צוויי פירושים אין „המכפלה״.

אין ערשטן פירוש זאָגט רש״י די כללות פון די צוויי בחי׳ שבתשובה: בית — תשובה תתאה, און עלי׳ — תשובה עילאה. (און רש״י איז מוסיף „על גביו״, אַז די „עלי׳״ האַלט זיך אויפן „בית״ דוקא — ווייל דער סדר העבודה איז, אַז צו ערשט מוז זיין תשובה תתאה און ערשט דאַן קען מען קומען צו תשובה עילאה [40]. וגם כשהוא באופן דתשו״ע — צ״ל וחטאתי נגדי תמיד [41]).

און אין זיין צווייטן פירוש — „שכפולה בזוגות״, וואָס דאָס מיינט געטאָפּלט אין דעם ענין הזוגות, איש ואשתו (כנ״ל סעיף ו׳) — איז ער מבאר די צוויי אופנים פון העלאה און המשכה וועלכע זיינען דאָ סיי אין „בית״ (תשו״ת) סיי אין „עלי׳״ (תשו״ע). כידוע אַז „אשה״ ווייזט אויף עבודה באופן העלאה מלמטה למעלה, און „איש״ — אויף המשכה מלמעלה למטה.

(משיחת ש״פ חיי שרה תשכ״ט)

---

37) אגה״ת פ״ד ואילך.

השייכות של „המכפלה — ה׳ מכפלה״ (גם (תשוב) ה׳ עילאה) ל„ותמת שרה בקרית ארבע גו׳ ״ בכאו״א (ראה מהנ״ע שם, א־ב), גם באלו ששבים (גם סמוך למיתתם) רק בתשו״ת — מובן עפ״י המבואר ב„ביאורים לאגה״ת״ סעיף נב *, שגם תשו״ת, וגם כשהיא רק מצד יראת העונש, פנימיותה ואמיתתה הוא „והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה״ — בחי׳ תשו״ע. עיי״ש באריכות. ועיין אגה״ק ס״ה (קז, ב): והנה הגם כו׳.

38) ס״פ בלק. וראה „ביאורים לאגה״ת״ סי״ד **, שבכל בחינה שבתשובה, גם בבחינה הכי תחתונה, נכללים כל ד׳ הבחינות. עיי״ש.

39) ראה אוה״ת שם (קיח, ב) בפירוש „שכרו כפול ומכופל״, שקאי על ב׳ הבחינות שבג״ע געה״ע וגעה״ת (ה׳ עילאה וה׳ תתאה), שבכל אחד מהם יש בחי׳ כפל — מלמטלמ״ע ומלמעלמ״ט.

ועפי״ז יש לבאר מ״ש באגה״ת פ״ס לענין תשובה „שבמקום הקשר הוא כפול ומכופל״, כי כללות ענין התשובה הוא „כפול״ — תשו״ת ותשו״ע, ובכ״א מהם ישנם ב׳ האופנים: העלאה והמשכה — מכופל.

*) נדפס באגה״ת עם ליקוט פירושים כו׳ (ע׳ קפח־ט). המו״ל.

**) נדפס שם ע׳ פב. המו״ל.

40) אגה״ת ספ״ח. ותשו״ת מכינה ומביאה סו״ס לתשו״ע. וכפי׳ (בפנים) מכפלה — שמכפיל כו׳. ועפמש״כ באגה״ק שם, גם ה׳ ראשונה „מכפילה״ ה׳ אחרונה. וכמובא בכ״מ בענין מילוי ה׳ שבה׳ ראשונה (תו״א ריש פרשתנו, לקו״ת שמ״ע צב, סע״ג. אוה״ת פרשתנו קיח, א).

41) עיין אגה״ת ספי״א.

# תולדות

א. אין תחלת הסדרה, שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „ואלה תולדות יצחק" און איז מפרש: „יעקב ועשו האמורים בפרשה"[1].

זאָגן מפרשים אַז רש״י׳ן איז דאָ שווער אין „ואלה תולדות יצחק", ווייל: די פסוקים וואָס קומען גלייך נאָך דעם[2] רעדן גאָר וועגן מאורעות וואָס האָבן פּאַסירט ביי יצחק׳ן, אָבער ניט וועגן זיינע תולדות — דעריבער זאָגט רש״י אַז פונדעסטוועגן, ווערט מיט „תולדות יצחק" געמיינט [ניט די פּאַסירונגען וואָס שטייען גלייך נאָך דעם[3], נאָר] „יעקב ועשו האמורים בפרשה"[4]: כאָטש אַז זיי ווערן דערמאָנט ערשט מיט עטלעכע פסוקים שפּעטער, וויבאַלד אָבער זיי זיינען „אמורים בפרשה" — אין דער פּרשה, קען זיך באַציִען צו זיי דער פסוק „ואלה תולדות יצחק".

ועפ״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק דיוק לשון רש״י „האמורים בפרשה" און ניט „האמורים למטה" (כלשון הרמב״ן) — ווייל דער לשון „האמורים למטה" פּאַסט אויך אויף אַ זאַך וואָס ווערט געזאָגט אין אַ פסוק ווייטער אָדער אַפילו אין זעלבן פסוק. איז דעריבער רש״י מדייק „האמורים בפרשה"[5] אַז כאָטש יעקב ועשו זיינען נאָר „אמורים בפרשה" (אין עטלעכע פסוקים ווייטער[6]), פונדעסטוועגן ווערן זיי געמיינט מיט „תולדות יצחק".

ב. מען דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין:

א) אויפן פסוק „אלה תולדות יעקב"[7] זאָגט רש״י „ואלה של תולדות יעקב, אלה ישוביהם וגלגוליהם כו׳".

---

1) ברמב״ן כאן: „האמורים למטה" (וראה לקמן בפנים). ובדפוס ראשון דפי׳ רש״י: „האמורים בסוף הענין" (וראה שוה״ג להערה 6).

2) אבל „אברהם הוליד את יצחק" שנאמר בפסוק זה עצמו, לא קשה לי׳ לרש״י, וכמו שמפרש רש״י מיד* — „וע״י שכתב כו׳".

3) כפירוש הספורנו כאן. וראה גם רד״ק כאן.

4) במשכיל לדוד כאן מקשה (על הרא״ם): בכדי להשמיענו רק זאת, דאע״פ שאינן סמוכים שייך מלת „אלה" לפי שכתובים בהך פרשה גופא — הי׳ מספיק שיכתוב „האמורים בפרשה". ולמה כותב רש״י גם „יעקב ועשו"? אבל לפי מ״ש בפנים, שכוונת רש״י היא להשמיענו שפירוש „תולדות יצחק" הוא תולדות כפשוטו (ולא מאורעות וכיו״ב), מובן בפשטות מ״ש יעקב ועשו. וראה לקמן הערה 32.

5) או (כהגירסא שבדפוס ראשון) „האמורים בסוף הענין".

6) ברמב״ן כאן: „והזכיר הכתוב איך היתה לידתם". ועפ״ז, התחלת סיפור „תולדות יצחק" הוא מהכתוב „ויהי יצחק גו׳". אבל לרש״י אינו גלאַטיק*, כי „ויהי יצחק גו׳" אינו „תולדות יצחק" (ורק סיפור איך שנולדו), ולכן כותב „האמורים בפרשה", כבפנים.

7) וישב לז, ב.

---

*) כ״ה בדפוס ראשון. וכן הובא ברא״ם, גו״א ולבוש כאן. (ובכמה דפוסים — בא ענין זה בדיבור־המתחיל בפ״ע). ובגו״א ולבוש כאן, שמה שהוזקק רש״י לזה הוא רק להפי׳ ש„תולדות יצחק" קאי על יעקב ועשו. אבל להפי׳ תולדות־מאורעות (ראה לקמן בפנים), „אברהם הוליד את יצחק" הוא מכלל „תולדות יצחק".

*) שלכן מדייק רש״י (לפי הגירסא שבדפוס ראשון) „האמורים בסוף הענין".